# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JULY, 1924
VOL. V No. 11


## THE GREATEST SELFISHNESS

(continued from last month)

It was shown on this page last month that the best things for the soul of man are wrapped up in faith in the Lord Jesus Christ our Messiah. Also that it is the greatest selfishness to deny this knowledge to any man. It was also shown from Proverbs 34 that God refers very plainly to His Son. Then we quoted from 2nd Psalm (v. 1) "Why do the heathen rage." In the next verse of Psalm 2 we have a prophecy of what the enemies of the Messiah shall say: "The Kings of the earth shall set themselves, the rulers shall take council together against the Lord and His Messiah." Here the Messiah is coordinated with God, He is just as exalted as God, and he who is against the Messiah is against God, and he who is against God is against the Messiah, for God is the Messiah and the Messiah is God. If you do not believe it from this passage, read Jer. 23; 5-7: "Behold, the days come saith the Lord, that I will raise unto David a righteous Branch, and a King shall reign and prosper, and shall execute judgment and justice in the earth. In his days Judah shall be saved, and Israel shall dwell safely. And this is his name whereby he shall be called: Jehovah our Righteousness." The Messiah, then, shall be called by the holy name Jehovah. The Talmud seems to understand this matter when in Baba Bathra, p. 75a, we are told: "Three there are who are called by the name of Jehovah....... the Messiah, for it is written 'And this is the name whereby he shall be called: Jehovah our Righteousness'." Think well, therefore, before you laugh at the Messiah; for in laughing at Him you laugh at God Himself.

Now we will continue the second Psalm: "Let us break their bands asunder, and cast away their cords from us." This is what the enemies of the Lord and His Messiah will say and do. They will want to ruin His power and influence over man. But "He that sitteth in the heavens shall laugh, the Lord shall have them in derision. Then shall He speak unto them in his wrath." What shall He speak to them? "Yet I have set my King upon my Holy Hill of Zion." Here God calls the Messiah, my King, because He does not rule as man, but as God. Thus we heard first what the enemies of the Messiah had to say, and then what God said to those enemies, and now the prophet declares what the Messiah himself says: "I will declare the decree." The law, what law? "The Lord hath said unto me, Thou art my son; this day have I begotten thee." The Messiah is God's Son and as precious to Him as any child born to its father. These seven verses of the second Psalm are enough to convince any man with a conscience that the Messiah is the Son of God. But some Jews try to interpret this Psalm as meaning King David. This, however, will not do, for nowhere do the Scriptures call David the Son of God; then you cannot deny that this Psalm in its entirety treats of the Messiah. The matter becomes plainer yet when we consider further the 8th verse: "Ask of me and I will give thee the nations for thine inheritance and the ends of the earth for thy possession." This cannot apply to David, for he was not King of the whole earth but only of the land of the Jews. It can only refer to the Messiah, whom God calls here My Son, my King. He alone is to have domination over the whole creation and to Him all knees shall bow in heaven and on earth.

But you may have another question. This time you may want to know whether the Messiah is called the Son of God in any other passage besides the second Psalm. Suppose this were the only passage, would that fact lose its convincing power? When God says once: "Thou shalt not steal," is it necessary to repeat it before you shall obey? But the Sonship of the Messiah is so important and so hard for unenlightened reason to understand that God condescends to our weakness and repeats it in other passages. Let us take 2 Sam. 7. Here God gives Nathan the prophet a message for David that the latter should not build Him a house, but "I will set up thy seed after thee, he shall build a house for my name, and I will be his father, and he shall be my son. If he commit iniquity I will chasten him with the rod of men" (12-14). (This passage of course primarily refers to Solomon but a secondary reference is to the Messiah). However, if the Messiah is the Son of God, as the verse says, "I will be his father and he shall be my son," how can He, the Son, of God fall into sin? It is evident that God means here that in the eyes of men He will look like a sinner; why? Because of the chastisements and "the stripes of the children of men" which shall be upon Him. As Scripture is best interpreted by Scripture let us put this passage under the light of Is. 53. Here we read in verse 4: "Surely he hath borne our griefs and carried our sorrows; yet we did esteem Him stricken, smitten of God and afflicted." This was our estimation of His chastisement, we thought He was stricken of God because of His sins. "But he was wounded for our transgressions, he was bruised for our iniquities." (Verse 5.) Both here as well as in 1. Sam. 7, the Messiah appears in the eyes of men as a man punished of God because of His own sin, but the fact in both passages is that He suffers in our stead that we through faith in Him might be saved. Then again we read in 2. Sam. 7:15, 16: ""But my mercy shall not depart away from him...... and thine house and thy kingdom shall be established forever before thee; thy throne shall be established." The punishment referred to, cannot be for His own iniquity (v. 14) otherwise God could not say: "My mercy shall not depart from him." Then the words: "Thy kingdom and thy throne shall be established forever" do not find their fulfilment in Solomon, for according to 1 Kings 11:42, the throne and Kingdom of David lasted forty years and not "forever." So when God says (v. 14) "I will be his father and he shall be my son," it refers to Solomon in a certain sense, but only in so far as he was a type of the Messiah. In Solomon alone this prophecy is not exhausted, for Solomon was not chastened with the rod and stripes of men and, as indicated already, Solomon's throne was not forever.

Now take this prophecy in connection with that of the 2nd Psalm and you will see how they harmonize. Here: "I will be his father, and I will establish his throne forever and he shall be my son;" there: "Thou art my Son, this day I have begotten thee; ask of me and I will give thee the nations for thine inheritance and the ends of the earth for thy possession." Both prophecies refer to no other than to Jesus the Messiah and if we take the prophecy: "I will chasten him with the rod of men and with the stripes of the children of men" (v. 14), and read Matt. 27:30 and Mark 15:19, we are startled by the literal fulfillment of it in Christ Jesus. Of course, this is not the only proof we have that Jesus is the Son of God and the Messiah of Israel, but as we study these passages of Scriptures quoted, we are simply amazed to see how marvelously they were fulfilled in Christ Jesus. These alone are enough to convince a truth loving mind that believes the Word of God.

(to be continued)



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton Street**
**Brooklyn, N. Y.**

**OUR MEETINGS**

**Friday, Gospel Service................8.00 P. M.**
Sunday, Gospel Service................8.00 P. M.

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמותי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price 50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JULY, 1924
VOL. V No. 11

## פאגראמען אין זיבענבירגען

אין גאנץ זיבענבירגען וועלכעס געהערט איצט צו רומעניען, איז פאר איניגע וואכען פארגעקומען א כוואליע פון שרעקליכע פאגראמען געגען דער גאנצער אידישער באפעלקערונג פון יענער געגענד. דער פועל יוצא איז געווען: פיעלע טויטען־פעלע, און פערוואונדעטע עד אין מספר.

א חוץ די אלע קרבנות וואס זיינען געפאלען אין די אטאקעס פון פאגראמטשיקעס, איז א שוידערליבע מארדטהאט באגאנגען געווארען אין דער שטאדט סאטמאר. דיא האר שטעלען זיך קאפויר דאס לעזענדיג: דארט האט מען גענומען א אידישען סטודענט מיט'ן נאמען "היינריך קוגלער", און מ'האט איהם אויפגעהאנגען אויף א לאנטערן־סלופ, און וועהרענד דעם וואס דאס לעבען האט זיך איז איהם נאך געצאפעלט, האט מען ארויס־געבראכט זיין מוטער און זי באגאסען מיט נאפט און זי פארברענט לעבעדיגערהייט דעם גוסס'דיגען זוהן אין די אויגען.

עס וואלט פארנעמען צופיעל פלאץ אין דיעזען קליינעם בלאט צו בעשרייבען אלע איינצעלהייטען פון די גרויזאמקייטען און שרעקליכע יסורים וואס אונזערע אידישע בריעדער האבען געליטען און ליידען נאך עד היום אין דעם פארשאלטענעם עמלק לאנד! כאטש בעריכטען קומען אן, אז אויך אין אונגארן, פוילין און רוסלאנד ליידען אידען גרויסע צרות, אבער יענע זיינען נור ווי א קינדער־שפיעל אין פערגלייך מיט די גרויזאמע עקסצעסען וועלכע זיינען אקארשט פארגעקומען אין רומעניען.

אידען לעזען אט דיעזע אלע פאסירונגען, און עס רייסט טאקע ארויס פון'ם הערץ א טיעפען זיפץ און א שווערען קרעכץ און מיט דעם ענדיגט זיך דיא גאנצע סימפאטיע. פיעלע זיינען אבער שוין אזוי צוגעוואוינט צו אזאלכע נייעסען אז זיי האבען ניט אמאהל א זיפץ דרויף.

מיר פרעגען דא אבער, היתכן, פארוואס געפינען זיך ניט צווישען אידישע פעדאגאגען וועלכע פרעטענדירען צו באלעהרען דאס אידישע פאלק, איינינע מיט תורה, אנדערע מיט עטיקס און גוטע זיטען, פארוואס זאלען זיך ניט געפינען צווישען זיי אזאלכע וואס זאלען זיך גוט פערטראכטען אין דעם ערענסטקייט פון דעם מאמענט, און אנהויבען צו באלעהרען דאס אידישע פאלק מיט אזא לעהרע וועלכע זאל שאפען רעספעקט פאר אידען צווישען אלע פעלקער, און במילא וועט מען זיי אויפהערען צו הרג'ענען! ווילאנג נאך וועלען די אידישע פיהרער (?) פארטזעצען זייער פיהרערשאפט מיט אזאלכע מעטאדען און אויף אזאלכע אופנים וואס האבען קיינמאל צום פאלק קיין נוצען געבראכט און וועלען אויך ווייטער קיין ממשות האבען צו לינדערן און צו בעפרייען אונזערע פיעל געפלאגטע אידישע בריעדער און שוועסטער פון די אונערטרעגליכע צרות און יסורים? ווען די פיהרער פון אידישען פאלק, וויסענדיג אז אין דער לאנגער פערגאנגענהייט האט זייער לעהרע און זייערע וועגען דעם אידישען פאלק געהאלפען ווי א טויטען באנקעס, און זיי זעצען אויך ווייטער פארט מיט זייער ווערטה־לויזען טאקטיק, צייגען זיי דאך דערמיט אז זיי זיינען ניט ערענסט צו דעם המון וואס קוקט ארויף צו זיי "בעיני שפחה אל יד גבורתה"! יא, זיי צייגען דערמיט אז זיי זיינען עפעס אזוי ווי גלייכגילטיג צו די מיזעראבעלע צרות וואס אידען ליידען. טא ווען ניט, וואלטען זיי דאך אבגעלאזט אלעס דאס וואס האט ביז היינט ניט געהאלפען און וואלטען אנגעהויבען א נ י י ע ם וועג, א נייעס מיטעל וואס קאן י א העלפען! אם כן, איז דאך דער גאנצער פעהלער וואס דער המון ליידעט אזוי שטארק, קיין אנדערענס נור מצד די פיהרערס וואס שטעהען אן דער שפיצע פון פאלק.

ווער איז פעראנטווארטליך פאר דער נידערלאגע וואס דייטשלאנד האט געליטען ווען ניט די מאנארכיסטען מיט'ן קייזער בראש, וואס האבען געפיהרט צום אבגרונד דעם עולם אזוי ווי א גולם? ז י י א בלאמירט מען פאר דעם בראך וואס איז געקומען אויף דייטשלאנד. און אזוי איז עס אין יעדער מדינה, אין יעדער נאציאן, שבט אדער גרופע פון מענשען, אז דער וואס איז בראש איז דער פעראנטווארטליכער פאר **אלע** צרות וואס קומען אויף זייערע נאכפאלגער.

דערפאר איז לייכט צו פארשטעהן אז די אידישע מנהיגים זיינען תמיד געווען און זייפען אויך איצט דער "גרמא בנזיקין", ווייל זיי זיינען תמיד גורם די קאטאסטראפען וואס זיינען באפאלען אידען. אזוי איז עס פארשטענדליך אין נאטירליכען וועג, און אין פסיכאלאגישען זין. יא, אזוי הייסט עס אויך אין דער הייליגער שריפט. דארט אין תנ"ך איז נאך פאראן א צונאב: נעמליך, אז ניט נור אליין זיינען די פיהרער שולדיג נייערט אויך די וואס האבען זיך געלאזט פארפיהרען, נעמליך דאס פאלק. "כעם ככהן". (ישעיה כ"ד)

אויב דייטשלאנד איז פאראומגליקט געווארען דורך איהר אראגאנטע פיהרער האט עס פאסירט נור איינמאל אין א טויזענט יאהר, אבער די אידישע פיהרער האבען דאך שוין א 3000 יעהריגע ערפאהרונג, און דאך, שטענדיג און אונאויפהערליך, באגעהען זיי זיך מיט זייער לאנגען עקשנות'דיגען טעות וואס האט אונז שוין אבגעקאסט א ים מיט בלוט וואס וואלט שוין באדארפט אפילו א שטיין צו ריהרען און ווייך צו מאכען. אבער אמשטאט דעם אז זיי זאלען זייער "קשה עורף" בויגען און אנערקענען זייער טעות, זיצען זיי זיך רוהיג — און וועמען ארט עס? זיי ניט! און ווען ס'מאכט זיך חלילה עפעס א פאגראם אדער א שחיטה אויף אידען, ר"ל, גלעטען זיי זיך די בערדליך און טרייסטען זיך מיט דעם אלטען אויסגעדראשענעם פזמון, בכן, "די שונאים וועלען ניט דערלעבען דאס אידישע פאלק אויסצוראטען". "מיר וועלען זיי נאך איבערלעבען" א. ד. ג. אי מ'הרג'עט דאך אבער אונז'רחמנות'דיג! טאקע שלעכט. אבער אבי מ'הרג'עט ניט זיי, דיא פיהרער. אבי זייער פעל בלייבט גאנץ.

ניין! "לא זו הדרך", איהר טאהן־געבער און רעדל פיהרער! דער גייסט פון אסתר המלכה האט איהר ניט ערלויבט רוהיג צו זיצען מיט פערלייגטע הענד נייערט זי האט בלב ונפש אויסגערופען "כי איככה אוכל וראיתי ברעה אשר ימצא את עמי ואיככה אוכל וראיתי באבדן מולדתי"! יא, זי האט טאקע איהר לעבען איינגעשטעלט אום צו רעטען איהר פאלק וואס זיינען אין געפאהר געווען. וואס טהון אבער די היינטיגע פיהרער פאר ישראל'ס רעטונג?

ניט לאנג צוריק האט פאסירט אז א געוויסער מר' קאמינג פון יאנקערס איז ניט־ווילענדיג א מאן אויף טויט איבערגעפאהרען מיט זיין אטאמאביל. מ'האט איהם פערהאלטען אויף בעיל, וועלכע דיא פירמא בייא וועלכער ער האט געארבייט, האט פאר איהם געגעבען.

ביים פראצעס האט זיך ארויסגעצייגט אז מר' קאמינג איז לגמרי אונשולדיג געווען אין דעם עקסידענט, און איז פאלגליך באפרייט געווארען. מר' קאמינג האט אבער דורך דער גאנצער צייט קיין איין ווארט ניט ערצעהלט זיין פרוי וועגען דעם

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3, 1879.